# תורת אביגדור

באידיש

## הגאון ר׳ אביגדור מיללער זצ״ל

**ספר ויקרא**

**נתנדב לרפואת יהודה ארי׳ לייב בן עליזא**
בתוך שאר חולי ישראל

## פרשת תזריע

# שווייגן איז געלד


פרנס השבוע

**יא! אייער הילף יעצט איז קריטיש וויכטיג!**
די זכות פון טויזענטער וואס ווערן נתקרב צום
אויבערשטער, קען זיין אייערע אויף אייביג.
**רופט שוין** 347-451-0332
צו זיין א פרנס השבוע **פאר בלויז $600**

לימוד "תורת אביגדור" מוקדש לע"נ האי גברא רבא,
איש יקר מאוד נעלה, רודף צדקה וחסד בכל נימי נפשו,

**הרה"ח המפואר מו"ה ר' מיכאל משה יהודה ב"ר**
**יצחק ישכר מנחם מנדל זילבערבערג ע"ה**

**הוא הגבר מוליך ומביא כמה שנים, מידי שבוע בשבוע, מבית מדרש לבית מדרש להפיץ הגליונות "תורת אביגדור" אידיש ואנגליש, ועוד כמה גליונות חשובות בחפץ לב, במטרה להרבות כבוד שמים.**

זכה וזיכה הרבים במסירות נפש עד זיבולא בתרייתא כשנפ' ערב חג הסוכות תשפ"ב. יהא זכרו ברוך


בעת **שמחה** ווען איר ווילט ארויסווייזן אייער **הכרת הטוב** פאר השי"ת,
אדער ווען איר נויטיגט זיך אין א **ישועה,**

**ניצט אויס די כח פון מזכה זיין און טוהן חסד מיט הונדערטער**
**אידן אריינצוברענגען אין זיי חיות און דעת**

**זייט מנדב 2000 תורת אביגדור'ס פאר בלויז $600 א וואך**

**צו מנדב זיין די הפצה אין**
**בארא פארק רופט: 347.451.0332**
אימעילט: Director@torasavigdor.org
פאר סיי וועלכע אנדערע פראגעס ביטע רופט: 732-844-3670 x103

**צו מנדב זיין די הפצה אין וויליאמסבורג**
**רופט: 929.236.6802**

**צו מנדב זיין די הפצה אין קרית יואל**
**רופט: 845.213.7571** לאזט א מעסעטשט

**פאר לינדען נ.ז. 347-415-6571**

**פאר אנטווערפען רופט 0484.714.425 - 0484.229.929**

**פאר די אלוועלטליכע הפצה רופט 347-451-033**

לויט וויפיל געלט אזויפיל קאפיס קענען מיר מאכן
**נאך א תורת אביגדור, נאך א נשמה באגייסטערט!**


בשריכה מיוחדת
גליונות לשבת קודש


© Copyright 2021 by: *TorasAvigdor.org*



**Email:** Director@torasavigdor.org | **Telephone:** 347.451.0332
**Address:** 1276 50th street, Brooklyn NY 11219

# פרשת תזריע

שנה ג'

# שווייגן איז גאלד

## תוכן:

חלק א. דער באשעפער איז דא – חלק ב. דיין נייער פאך – חלק ג. די בעסטע מעדיצין

## חלק א. דער באשעפער איז דא

### ער איז טמא, ער איז טמא,

"**כָּל יְמֵי אֲשֶׁר הַנֶּגַע בּוֹ יִטְמָא טָמֵא הוּא בָּדָד יֵשֵׁב מִחוּץ לַמַּחֲנֶה מוֹשָׁבוֹ** - אלע טעג וואס די צרעת איז אויף דעם מענטש זאל ער זיין טמא, טמא זאל ער זיין. ער זאל וואוינען אליין; אינדרויסן פון די לאגער זאל זיין זיין וואוינארט." (י"ג:מו) ווען מ'לערנט דעם פסוק טרעפט מען זיך אן אין דעם דאפלט לשון פון די טומאה פון דער מצורע; "ער זאל זיין טמא, טמא זאל ער זיין. און עס פאדערט זיך אן ערקלערונג.

מען קען זאגן אזוי: דער שורש "טם" ווייזט אויף עפעס וואס איז "פארמאכט". דאס איז וואס דאס ווארט טמא מיינט, און דאס איז דער יסוד וואס ליגט הינטער אלע הלכות פון טומאה. וואו מיר טרעפן טומאה, דארפן מיר פארשטיין אז עס איז א באפעל פון באשעפער אונז צו אויסלערנען וואס מיר זאלן פארמיידן.

און דער פסוק זאגט אזוי: "אלע טעג וואס די צרעת איז אויפ'ן מענטש זאל ער זיין אומריין" - דאס ערשטע ווארט '**יטמא**' רעדט פון דער אופן פון זיין טומאה; ער איז אן אב הטומאה. דאס איז א ידיעה וואס מיר דארפן וויסן. די תורה לערנט אונז די פשוט'ע הלכה אז דער מענטש איז טמא און מאכט טמא אלעס וואס קומט אין בארירונג מיט אים. אבער דער צווייטער אויסדריק פון טמא, "טמא זאל ער זיין", ערקלערט אונז דעם טעם פון די טומאה וואס ווערט ארויפגעלייגט אויף אים; ווי צו זאגן: "ער זאל זיין טמא ווייל דער באשעפער וויל ער זאל ווערן אפגעהאקט פון געזעלשאפט." "ער איז טמא," ווייל "טמא - פארמאכט און אויסגעמיטן זאל ער זיין."

### דער איינזאמער סדר נאכט

אלזא, דאס איז עפעס וואס מיר דארפן דורכלערנען. ווייל מיר רעדן דא פון א פרומער איד, ער איז א טאטע, א מאן, אן ערליכער עובד ה' וואס לייגט תפילין און דאווענט דריי מאל א טאג מיט מנין. זיין היים איז א כשר'ע היים און זיינע קינדער זענען אלע פרומע אינגלעך און מיידלעך. ער איז איינער פון אונז! און דאך, איין אינדערפרי וועקט ער זיך אויף מיט צרעת און יעצט מוז ער פארלאזן זיין פאמיליע

און פריינט און גיין אינדרויסן פון דער טויער פון שטאט און לעבן אליין. דער חבר אונזערער, איז יעצט טמא; ער איז אפגעהאקט פון די איבריגע פון געזעלשאפט. בדד ישב - "ער זאל זיצן אפגעזונדערט," מיינט אז אפילו אנדערע טמאים טארן נישט זיין מיט אים (רש"י שם).

זיצט דער דאזיגער איד אליין אינדרויסן פונעם טויער פון זיין שטאט און דארט וועט ער פארבלייבן ביז די צרעת וועט זיך אויסהיילן. ער וועט פארפאסן שבת סעודות מיט זיין פאמיליע. ער וועט אפשר דארפן פראוועון די סדר נאכט אליין! און עס איז נישט געשען קיין צופאל דא. דער רמב"ם זאגט אז די צרעת איז נישט קיין נאטורליכער סארט קרענק; ס'איז א חוץ לדרך הטבע'דיגע ערשיינונג. "צרעת איז איינע פון די נסים וואס דער באשעפער מאכט פאר זיין פאלק" (מורה נבוכים ג:מז) און דערפאר קען נישט א גוי ווערן טמא מיט צרעת (נגעים ג:א).

דער באשעפער שיקט אויף א איד צרעת חוץ לדרך הטבע, און יעצט דארף ער זיין אפגעזונדערט. און דאס איז נישט ווייל עס קען זיך איבערכאפן, אדער בלויז ווייל ער קען מטמא זיין אנדערע - דאס איז ווייל דער באשעפער וויל ער זאל זיין "אפגעהאקט" פון מענטשן. דער באשעפער וויל ער זאל פארלאזן די מחנה; אז ער זאל זיך אפטיילן פון געזעלשאפט און וואוינען אליין אינדרויסן פון שטאט.

## דער אויסזען קען פארנארן

און דאס איז ווייל אייגנטליך איז דער מענטש א געפארפולער מענטש; ער קען אויסזען זייער פרום, אבער די גמרא (ערכין טו:) זאגט: "**כל המספר לשון הרע נגעים באים עליו**, ווער עס רעדט שלעכטע רייד, ער ניצט זיין מויל אין א נישט ריכטיגן וועג, קומט אויף אים צרעת." פון דא פארשטייען מיר אז דער מענטש האט נישט ריכטיג אויסגענוצט די מתנה פון זיין צווישן מענטשן; ווען ער איז געווען געזונט איז ער געזעסן מיט זיינע פריינט און געלאזט זיין צונג לויפן - נישט נאר וואס ער האט בארעדט און דערנידערט אנדערע מענטשן, נאר אפילו בלויז צו רעדן דברים בטלים מיינט נישט ריכטיג ניצן די צונג.

און אזוי איז געווען אין די געהויבענע צייטן פון נבואה, דער נגע פון צרעת האט געוועדט צום מענטש דאס ווארט פון באשעפער: "ער זאל זיין טמא, און ער זאל ווערן אפגעהאקט און אויסגעמיטן פון מענטשן." ער וועט וואוינען אליין וואו ער וועט נישט האבן קיינעם צו וועמען צו רעדן; און יעצט וועט ער אנהייבן לערנען ווי אזוי א מענטש דארף ניצן זיין צונג, און ער וועט פארשטיין אז דער ריכטיגער וועג פון ניצן די צונג איז בעיקר דורך עס נישט ניצן.

## ווי א פאבריקאציע פראדוקציע

דער רמב"ם לערנט אונז דאס: "**לעולם ירבה אדם בשתיקה** - א מענטש זאל אלעמאל פארמערן מיט שוויגן" (רמב"ם הלכות דעות ב:ד). איר הערט דאס? איר דארפט שוויגן ווי מער איר קענט. שטעלט זיך פאר איר פאבריצירט זאכן פאר א געווויסן צוועק. לאמיר זאגן איר מאכט ציין בערשטלעך, אדער איר זענט א שניידער און איר נייט אנצוגן. סיי וואס עס זאל זיין, איר פאבריצירט. איז דארפט איר האלטן חשבון, 'וויפיל פראדוקציע האב איך היינט ארויסגעגעבן?' 'צי האב איך היינט אויפגעטון מער ווי נעכטן?' 'וואס קען איך טון מארגן אנדערש אינעם פאבריק צו קענען פראדוצירן מער ציין בערשטלעך?' און דאס איז די זעלבע מיט שוויגן. א מענטש זאל שטענדיג ארויסגעבן שוויגעניש אויף די וועלט. איר דארפט טראכטן איבער דעם! 'וויפיל שוויגעניש האב איך היינט ארויסגעגעבן?'

און דאס ווערט באטראכט ווי עבודת ה'. "**לך דומיה תהילה** - צו דיר באשעפער, איז שוויגן א לויב" (תהלים סה:ב). דאס איז אן אינטערעסאנטער דרהער, ווייל מיר האבן אלעמאל פארשטאנען אז די

הללוקה'ס און ברכות זענען לויב. אשרי, הודו און מודים, דאס איז ווי אזוי מיר לויבן דעם באשעפער. און דא זאגט מען אונז אז צו בלייבן שטיל איז א וועג פון לויבן דעם באשעפער; צו ארויסגעבן שווייגעניש איז אייגנטליך א מהלך פון לויבן דעם באשעפער. און דאס דארף א גוטע ערקלערונג.

## א לערנונג פונעם גרעסטן חכם

אלזא, פון וועמען דען זאלן מיר לערנען ווי דער חכם מכל אדם? זאגט שלמה המלך אין קהלת (ה:א): "**אַל תְּבַהֵל עַל פִּיךָ** - זאלסט נישט זיין געאיילט מיט דיין רעדן, **אַל יְמַהֵר לְהוֹצִיא דָבָר לִפְנֵי הָאֱלֹקִים** - דיין הארץ, דיין מח, זאל נישט זיין געאיילט צו זאגן עפעס אין אנוועזנהייט פון באשעפער." ווען דו זיצט ביים טיש מיט דיין פאמיליע, דיינע פריינט, איז דער באשעפער אנוועזנד. איז האלט זיך שטיל! "**כִּי הָאֱלֹקִים בַּשָּׁמַיִם וְאַתָּה עַל הָאָרֶץ** - ווייל דער באשעפער איז אין הימל און דו ביסט אויף די ערד, **עַל כֵּן יִהְיוּ דְבָרֶיךָ מְעַטִּים** - דערפאר זאלן דיינע רייד זיין ווייניג." אה, אצינד קומט עפעס אנדערש אריין אין בילד; אלקים איז יעצט אין בילד! אלקים איז אין הימל, העכער דיר, קוקנדיג אויף דיר. און דו ביסט אונטן אויף די וועלט. "**עַל כֵּן יִהְיוּ דְבָרֶיךָ מְעַטִּים** - דערפאר זאלן דיינע רייד זיין ווייניג."

אויב א מענטש עפנט זיין מויל און זיינע רייד פליען ארויס אן אפהאלט, דאס מיינט אז ער שפירט נישט אז ער איז אין איינעם'ס אנוועזנהייט! לאמיר זאגן דו שטייסט אין אנוועזנהייט פון דער מעיאר (שטאט פירער), אדער פאר דעם פרעזידענט פון די פאראייניגטע שטאטן - היינט איז ער שוין נישט אזא וויכטיגער פיגור - אבער דאך וואלסטו נישט גערעדט צופיל אין זיין אנוועזנהייט. דו וואלטסט זיכער נישט געלאזט דיין מויל גיין פריי.

## טראכט פאר וועמען דו שטייסט!

אלזא, להבדיל אלף הבדלות, אויב רעדסטו מיט דעם גדול הדור, לאמיר זאגן מיט הרב שך, הרב משה פיינשטיין, סיי ווער ס'איז דער גדול הדור, וואלטסטו גערעדט צופיל? אויב האסטו אביסל שכל וואלטסטו נישט ארויסגערעדט א ווארט! לאמיר זאגן דו טרעפסט זיך מיט דער סיגעטער רב, דו שטייסט פאר דעם סאטמארער רב און איינער קומט אריבער צו דיר, "העי, חיים! וויפיל אזייגער איז?" וואלטסטו געזאגט, "ס'איז דריי אזייגער"?! ניין, דו וואלטסט זיך געהאלטן שטיל, דו וואלטסט געהאלטן דיין מויל פארמאכט; דו שטייסט פאר דיין רבי! לאז אים רעדן; דו האלט זיך שטיל. "**חָכָם אֵינוֹ מְדַבֵּר בִּפְנֵי מִי שֶׁהוּא גָּדוֹל** - איינער וואס איז קלוג עפענט נישט זיין מויל ווען ער שטייט פאר איינער וואס איז גרעסער פון אים" (אבות ה:ז).

איז דער פאקט אז דו האלטסט דיין מויל פארמאכט ווייזט אז דו אנערקענסט אז דו שטייסט אין אנוועזנהייט פון באשעפער. דאס איז א באוויז אז דו האסט דעם געפיל פון דער נאנטשאפט פון באשעפער; עס איז נישט בלויז רייד, טעאריעס. פונקט ווי דו וואלטסט נישט גערעדט אין אנוועזנהייט פון א חשוב'ער מענטש, אזוי עפנסטו נישט דיין מויל אין אנוועזנהייט פונעם אלקים בשמים. דו האלטסט זיך שטיל, כאטש אזוי שטיל ווי דו וואלטסט געווען פארנט פון דעם פרעזידענט. כאטש אזויפיל! אויב דער פרעזידענט פון די פאראייניגטע שטאטן וואלט דא געשטאנען וואלטסטו געווען פארזיכטיג מיט יעדע ווארט וואס קומט ארויס פון דיין מויל! דאס מיינט חלילה אז דו גלייבסט אינעם פרעזידענט מער ווי דו גלייבסט אין באשעפער?!

## דער מאדנער מענטש אין די היינטיגע פרשה

אצינד קענען מיר פארשטיין פארוואס דער באשעפער טוט אפזונדערן אט דער פרומער איד, ער ווערט ארויסגעשיקט צו לעבן אין איינזאמקייט. אויב איז ער געאיילט מיט ווערטער, אויב טראכט ער

נישט איידער ער רעדט, דארף ער ארויסגעשיקט ווערן דארט וואו ער וועט האבן צייט צו טראכטן איבער דעם גרויסן יסוד פון "**אלקים בשמים**". דער מצורע האט געדארפט פארדעקן זיין מויל; אזוי שטייט אין פסוק, **וְעַל שָׂפָם יַעְטֶה**, דאס מיינט אז ער האט געדארפט אנטון א מאסקע אזוי אז עס זאל פארדעקן זיין מויל. פארוואס? ווייל ער האט אויסגערופן צו די וועלט די לערע! אלס טייל פון זיין כפרה איז געווען צו ארומגיין אנגעקליידט אין א מאדנעם וועג, און ער האט אויך געדארפט מאכן אסאך גערודער: **טמא טמא יקרא**; וואו אימער ער איז געגאנגען האט ער געדארפט אויסרופן צו יעדן אז ער איז טמא.

אט איז א מענטש מיט א מאסקע וואס באדעקט האלב פון זיין פנים, אינגאנצן איבער זיין מויל, און מיט זיין פארשטיקטע קול רופט ער אויס: "איך בין טמא, איך בין טמא!" דאס איז געווען א מאדנע סצענע, און יעדער וואס האט אים געזען האט גענומען זיין מצב צום הארצן און עס אפגעלערנט אויף זיך בעסער צו פארמאכן דאס מויל איידער דער נגע קומט צו אים. אזוי האט מען אסאך קונה געווען דורך זען א מצורע מיט זיין פארדעקטע מויל.

## הדרכה צו קונה זיין אמונה

וואס מיר לערנען דא איז, אז נישט קיין חילוק ווי פרום א מענטש איז, דארף ער האבן די הרגשה, אמונה חושות, אז ער שטייט פאר דעם באשעפער און דערפאר רעדט ער נישט. וואס מיינט דאס? לאמיר זאגן דו ביסט א פשוט'ער איד וואס האט קיינמאל נישט געארבעט אויף די ענינים; דו שפירסט נישט פאקטיש די אנוועזנהייט פון באשעפער. אבער דו וואלטסט יא געוואלט ארבעטן אויף דעם; דו שטרעבסט צו ווערן א מאמין. אצינד, אודאי וועסטו נישט מודה זיין אז דו ביסט נישט א מאמין, אבער כאטש וועסטו מודה זיין אז דו שפירסט נישט די אנוועזנהייט פון באשעפער א גאנצע צייט. און אזוי, דורך זיך איינגעוואוינען נישט צו רעדן טאקע בלויז צוליב דעם; יעדע מאל וואס דו ווילסט עפענען דיין מויל דערמאנסטו זיך: **'כִּי הָאֱלֹקִים בַּשָּׁמַיִם וְאַתָּה עַל הָאָרֶץ עַל כֵּן יִהְיוּ דְבָרֶיךָ מְעַטִּים** - דער באשעפער הערט און דערפאר זאלן דיינע רייד זיין ווייניג,' וועסטו צוביסליך אריינברענגען אין דיין נשמה א באוואוסטזיניגקייט דערצו און דורכדעם וועסטו קונה זיין יראת שמים.

ווען איינער קומט צו דיר און מאכט דיר א באמערקונג, אייל זיך נישט צו ענטפערן. דו וואלטסט געוואלט רעדן; דו האסט א שארפע ווארט צו אפענטפערן, דו ווילסט עפעס זאגן. 'ניין, איך וועל עס נישט זאגן ווייל איך שטיי פאר'ן באשעפער.' צומאל דארפסטו אינגאנצן נישט ענטפערן. אויב איינער זאגט דיר עפעס, צי מוזסטו עפעס צוריקזאגן? לאמיר זאגן א קו זאגט "מאא", צי מוזסטו זאגן "מאא" אויף צוריק? א הונט בילט ווען דו גייסט אים פארביי, צי דארפסטו צוריקבילן? איז אויב איינער רעדט צו דיר, אויסער אויב ס'איז וויכטיג, זאג גארנישט. הער בלויז אויס. ווער זאגט דו מוזט ענטפערן?

און לאמיר זאגן דו מוזט ענטפערן; אמאל מוזסטו עפעס זאגן, דאן זאלסטו ציילן דיינע ווערטער. איר ווייסט, געוויסע מענטשן זענען ווי א וואסער קראן; זיי הייבן אן ארויסצוגיסן אלעס וואס זיי פארמאגן. דאס גאנצע ליידיגקייט וואס זיי האבן אין זייערע קעפ נעמט ארויספליסן. דאס מיינט אז זיי זענען מסיח דעת פון באשעפער. א מענטש דארף שטענדיג האלטן אין קאפ אז דער באשעפער הערט אויס. האלטנדיג דיין מויל פארמאכט, און האלטנדיג דיינע רייד ווייניג ווען דו דארפסט רעדן, ווייזט אז דו האסט אמונה אז וואו אימער דו ביסט הערט דער באשעפער צו. דאגעגן אויב דו עפנסט דיין מויל און דו רעדסט אן אפהאלט, מיינט דאס אז דו שפירסט זיך ווי א פרייער פויגל. דאס מיינט אז דו האסט נישט אמונה, ווייל גלייבן אין באשעפער פאדערט אז מיר זאלן זיך האלטן שטיל. נאך אלעם, שטייט ער דאך אט דא און ער הערט צו.

# חלק ב. דיין נייער פאך

## זיך מאכן פארשטומט

אלזא, כדי צו דערגרייכן דער מהות פון יראת שמים, דארפן מיר זען ווי אזוי די גמרא אין חולין (פט.) דרש'נט א פסוק. דרך אגב, די פאלגנדע גמרא איז אמאל גענוצט געווארן דורך דער אלטער פון סלאבאדקע זצ"ל אלס א דוגמא ווי אזוי צו שעצן יעדעס ווארט פון א מאמר חז"ל. דער אלטער האט אריינגעטראכט אין יעדעס ווארט וואס די חכמים האבן געזאגט און אויסגענאגט ווי מער האניג ער האט געקענט פונעם מאמר. די גמרא ברענגט דעם פאלגנדן פסוק: "**הַאֻמְנָם אֵלֶם צֶדֶק תְּדַבֵּרוּן** - דער אמת איז, שווייגעניש איז וויכטיג; רעד נאר ערליכע ווערטער" (תהלים נח:ב). דאס איז דער פשוט'ער פשט, אבער חז"ל האבן אנטדעקט אפאר באהאלטענע איידלשטיינער אין דעם פסוק.

ערשט וועל איך זאגן די ווערטער פון די גמרא און דערנאך וועל איך אייך זאגן ווי אזוי דער אלטער פון סלאבאדקע האט זיי ערקלערט: "**אמנם - מה אומנתו של אדם בעולם הזה** - וואס איז דער מענטש'ס פאך אויף די וועלט?" פון דאס ווארט אמנם, קומט אומנות, א פאך. פרעגט די גמרא א שאלה: וואס איז דיין תפקיד דא אין עולם הזה? און די גמרא זאגט, אז דאס קומענדיגע ווארט אין פסוק, אלם, דאס איז דער ענטפער: "**ישים עצמו כאלם** - מאך זיך ווי גלייך דו ביסט פארשטומט, ווי גלייך דו קענסט נישט רעדן." אלזא לערנען מיר דעם פסוק אזוי: אמנם, וואס איז דיין אומנות, דיין פאך? אלם, צו זיין פארשטומט. דאס איז דיין אויפגאבע אויף די וועלט.

## זיך לערנען דעם פאך

די ערשטע זאך זעען מיר אז א מענטש האט א פאך אויף די וועלט. א "פאך" מיינט אז ס'איז נישט בלויז געשמאק צו בלייבן שטיל, ס'איז אפילו נישט בלויז א גוטע זאך, נאך א שלימות. ניין; שווייגעניש איז דיין פאך אויף די וועלט; דאס איז צוליב וואס מיר זענען געקומען אויף די וועלט. אלזא, צום ערשטן בליק איז עס שווער צו פארשטיין, ווייל ווי אזוי קען יעדער האבן דעם זעלבן פאך? אויב יעדער וואלט געווען א שוסטער וואלטן מיר אלע געהאט באקוועמע שיך, אבער מיר וואלטן געדארפט אליין אויפנייען אונזערע הויזנס. אויב האבן מיר נישט גוטע אידישע בוך האלטערס וואלטן מיר געצאלט אסאך איבריגע געלט פאר די רעגירונג. איז וואס מיר זעען דא איז, אז סיי וואס דו טוסט אין דיין לעבן איז דאס נאר דיין צווייטער פאך, א זייטיגער האנדל; נאך אלעם דארפסטו באצאלן דיינע בילס. אבער דיין עיקר פאך אויף די וועלט איז צו זיין "כאלם", צו האלטן דיין מויל פארמאכט.

אצינד, דער אלטער פון סלאבאדקע זצ"ל האט ארויסגעברענגט אז אן אומנות איז נישט עפעס וואס בלויז דו הייבסט זיך אויף און דו טוסט עס; דו דארפסט זיך עס טרענירן אלס א פאך. ס'איז וויכטיג דורכצוגיין א סעריע פון טרענירונגען צו לערנען דעם פאך פון שווייגן, פונקט ווי דו וואלטסט געטון פאר סיי וועלכער אנדערער ערנסטער פאך. אויב דו ווילסט זיין אן אינסטעלאטאר, לאמיר זאגן, וועסטו בלויז זיך אנטון ביליגע קליידונג, נעמען א צוועגל און דאס אלעס?!

## עס איז אן עבודה

קיינער איז נאכנישט געווארן אן אינסטעלאטאר דורך זאגן "איך האב באשלאסן אז איך בין אן אינסטעלאטאר." דו וועסט דארפן ארויפדרייען דיינע ארבל און זיך אונטערבייגן אונטער'ן קראן, און דו וועסט דארפן ליגן דארט אויף דיין רוקן און באטראכטן דעם מייסטער אינסטעלאטאר. אזוי, דורכאויס חדשים לאנג וועסטו זיך לערנען אלע טאקטיקן פון די ארבעט. דו וועסט דארפן טראגן פאר אים זיינע געצייג און באטראכטן: ווען ניצט ער דעם געצייג? ווען עפנט ער יענעם רער? ווען

פארמאכט ער עס? ס'איז א חכמה, און ס'איז דא אסאך צו לערנען.

און אויב שווייגעניש איז דיין פאך אין לעבן, מיינט דאס אז דו האסט אסאך צו לערנען אין דעם.

צו ווערן א פראפעסיאנעלער שווייגער, קענסטו נישט סתם קויפן א פשוט'ער שלאס אין דאס דערנעבנדיגע הויזווארג געשעפט, פארשפארן דאס מויל פעסט, און דאן ארומגיין אין גאס אן קיין זארגן. ס'איז נישט אזוי גרינג. אויב דאס איז די גאנצע וואס מ'דארף טון, וואלט עס נישט געווען א פאך; עס וואלט בלויז געווען אן אויסגאבע פון פופציג צענט און געענדיגט. אבער ניין, ס'איז א פאך, ס'איז די "אויפגאבע פון א מענטש אויף די וועלט".

אלזא, דער אלטער פון סלאבאדקע ברענגט ארויס נאך א נקודה אין די גמרא וואס איז ווערד מיר זאלן צולייגן אויפמערקזאמקייט דערצו: עס שטייט, "וואס איז דער פאך של אדם אויף די וועלט?" דער פאך פון אן אדם! ס'איז דער פאך, זיך מאכן אלס אן אלם, א שווייגער, וואס וועט דיר ברענגען צו פארדינען דעם טיטל 'אדם'. פון אן אדם איז ערוווארטעט ער זאל נישט עפענען זיין מויל אויסער אויב ס'איז בארעכטיגט. און נאר דער וואס האט קונה געווען דעם קונסט קען זיך גרויסן אז ער האט עס דורכגעמאכט, אז ער האט גראדואירט אין די טרענירונגען. אנדערש ביסטו נישט קיין אדם. אפשר ביסטו א קרייענדער פראש, אדער א פויגל; עפעס ביסטו זיכער; נאך אלעם מאכסטו דאך גערודער. אבער דו ביסט נאכנישט אן אדם, אויסער אויב דו האסט קונה געווען דעם פאך פון שווייגעניש.

## קלאפ זיך אליין אין קאפ!

אצינד וואס פאסירט געווענליך ווען איך רעד אויף די נושא? איך וועל אייך זאגן. ס'איז שטענדיג דא איין אידיאליסטישער מענטש וואס וויל זיך נעמען צו די עבודה עס צו דערגרייכן. פארוואס נישט? הרב מיללער האט דאך אזוי געזאגט! ער האט געזאגט אז ס'איז א פאך פאר יעדן. א יונגער בחור וואס הערט דעם שיעור און ווערט אנגעווארעמט פון די ווערטער פונעם אלטער פון סלאבאדקע, איז גרייט צו מאכן טוישונגען! גייט ער אהיים און גלייך ווי ער שפאצירט אריין אין הויז הערט ער זיין מאמע רעדן אויפ'ן טעלעפאן. קלאפט ער אויפ'ן טיש, "א...א...נו...נו!" ער וויל מאכן זיכער אז זיין מאמע ווייסט וואס איז איר נייער פאך!

זאגט דער אלטער פון סלאבאדקע אז מיר דארפן וויסן ווי אזוי אפצולערנען א מאמר חז"ל. די גמרא זאגט, "ישים עצמו - מאך זיך אליין ווי א שווייגנדער מענטש." דיר אליין! אה, דאס איז שוין אן אנדער מעשה. פארוואס קלאפסטו אויפ'ן טיש? נעם זיך צו קלאפן דיין אייגענע קאפ! שטער נישט אנדערע!

דאס מיינט, אז ווען א מאן קומט אהיים צו זיין ווייב און ער האט געהערט מיין שיעור, און יעצט וויל זיין ווייב רעדן, זי וויל אים דערציילן וואס עס האט היינט פאסירט מיט די קינדער. אויך רעדט זי פון וואס איר שוועסטער האט געזאגט און מן הסתם אויך אנדערע זאכן. איז קען ער איר לאזן רעדן איבער וואס זי וויל. ער זאל נישט זאגן, "האלט זיך שטיל; אין דעם הויז ארבעטן מיר אויף פראדוצירן שווייגעניש." דאן איז ער א נאר! ער ארבעט אויף איר שווייגעניש! ישים עצמו! ער דארף זיך אליין מאכן פאר אן אלם; פאר זיך אליין דארף ער זארגן.

## ווען יא צו רעדן

אלזא, דער פאך פון וואס מיר רעדן דא וואלט אינגאנצן נישט געווען אזוי שווער אויב דאס גאנצע וואס דו וואלטסט געדארפט טון איז צו קויפן א מויל שלאס. מזל טוב, דו ביסט אן אלם! אבער נישט דאס איז וואס די חז"ל פאדערן פון דיר; עס שטייט נישט אז דו זאלסט זיין אן אלם, עס שטייט כאלם, ווי א שווייגער. דער צוגעלייגטער אות כ זעט לכאורה אויס איבריג, עס וואלט פונקט אזוי געקענט

שטיין, "מאך זיך פאר אן אלם." וואס מיינט דאס, ישים עצמו כאלם, מאך זיך ווי א שווייגער?

וואס עס מיינט איז, אז דו קענסט נישט פארשליסן דיינע ליפן אינגאנצן! דו דארפסט זיך מאכן כאלם, ווי א שווייגער, ווי גלייך דו קענסט נישט רעדן. דו מוזט רעדן און אמאל מוזסטו רעדן און רעדן, אבער דו דארפסט רעדן ווי איינער וואס איז אן אלם. אויב דארפסטו גיין אויפ'ן גאס, דארפסטו זאגן "גוט מארגן" אדער "א גוטן אוונט" צו מענטשן וועמען דו באגעגנסט. דו קענסט נישט סתם ארומגיין מיט א בלעכענעם פנים איגנארירנדיג מענטשן. פארוואס זאל דיין שכן ליידן ווייל דו לערנסט זיך א נייער פאך?! דו קומסט אהיים מוזסטו אריינקומען און זאגן, "ווי אזוי איז אריבער דיין טאג, חנה?" כאטש דאס מוזסטו זאגן! דו קענסט נישט אהיימקומען און זיין אן אלם. א בחור קומט אהיים פון ישיבה, קען ער נישט אריינשפאצירן שטיל און גיין צו זיין צימער. ער מוז זאגן, "וואס מאכסטו מאמי?" "וואס הערט זיך טאטי?" עפעס מוז ער זאגן! ער איז כאלם, נישט אן אלם ממש.

דערפאר זאגט די גמרא, **יכול** - "דו קענסט טראכטן אז איינמאל דו ביסט קונה די פירונג זאלסטו נישט עפענען דיין מויל אויף גארנישט, **תלמוד לומר צדק תדברון** - זאגט דער פסוק, 'רעד מיט ערליכקייט'. ווען ס'קומט צו רייד פון ערליכקייט מוזסטו רעדן." דברי תורה מוזסטו רעדן. ווערטער פון חסד מוזסטו רעדן. אויב איינער איז טרויעריג און דערשלאגן מוזסטו צוגיין צו אים, לייגן דיין האנט אויף זיין פלייצע און זאגן אפאר גוטע ווערטער צו אים. צדק תדברון. גוטע זאכן מוזסטו זאגן!

## א קאמפלימענט וואס דערהייבט

צו זאגן ווערטער פון חיזוק פאר א צווייטן איד, צו מוטיגן א איד, אויף דעם פארמאגסטו א מויל, דאס איז א טייל פון דיין פאך. דו דארפסט אבער נישט פלאפלען. טראכט פון וועגן און מיטלען צו מאכן מענטשן פריילין, דורך זאגן פאסיגע רייד. אויב איז עס א קינד, דאן קען צומאל א לייכטער גלעט אויף די באקן און א ווארט צוויי זיין א רעטונג. זאג אים עפעס וואס קען אויפהייבן זיין זעלבסט ווירדע, עפעס וואס וועט אים געבן חשק צו שטייגן ווייטער.

אויב וועסטו זאגן פאר דיין ווייב אז זי קאכט גוט - עס איז גראדע זייער וויכטיג - דאס איז צדק. מאך זיכער צו קאמפלימענטירן דיין ווייב ווען זי סערווירט דיר סיי וואס: "חנה, די חלה איז זייער געשמאק." אבער אויב האט זי געקויפט די חלה אין בעקריי, מאך זיכער נישט צו אויסלויבן די חלה; טרעף עפעס אנדערש אויף וואס צו קאמפלימענטירן. "די זופ איז מעין עולם הבא, חנה. יישר כח."

געוויינליך איז עס טאקע געשמאק, און מ'קען טרעפן פיל זאכן אויף וואס צו קאמפלימענטירן. זיי נישט שעמעוודיג! דאס איז נישט די צייט צו זיין כאלם - יעצט איז די צייט פאר צדק תדברון. און אפילו אויב עס פאסירט, א זעלטענע ערשיינונג, ווען די נאכטמאל איז נישט אזוי געלונגען, אויב וועסטו זאגן אז ס'איז זייער גוט וועט עס אויך נישט שאדן. נאר די זאך איז, אז מערסטנס מענטשן גרייזן אין דעם; ווען זיי האבן אויף וואס זיך אפצורעדן, דאן קומען די ווערטער ארויסצושיסן, פערל פון 'חכמה'. אבער ווען עס קומט צו צדק תדברון, דאן פלוצלינג געדענקט דער 'צדיק' זיין פאך פון זיין כאלם.

## פראקטיצירונג ברענגט שלימות

ס'איז א קונץ. צומאל דארפסטו רעדן און רעדן, אבער דו דארפסט רעדן ווי אן אלם. שטענדיג ביסטו פארזיכטיג נישט צו זאגן וואס דו דארפסט נישט זאגן. אבער וואס דו דארפסט זאגן, מוזסטו זאגן. איז ווען דו קומסט אהיים ביינאכט און דיין ווייב פרעגט, "וואס האסטו געהערט ביים שיעור?" זאג נישט "עממממממ." זאג עפעס. זאג עס קורץ אבער זאג עפעס. האלט נישט סתם דיין מויל פארמאכט. כאלם, ווי א שווייגער! אה, דאס איז שוין אן אומנות. ס'איז שווערער ווי זיך אויסצולייגן אויפ'ן רוקן אונטערן קראן און זיך לערנען ווי אזוי צו אויפשטאפן א רער!

און דערפאר דארפן מיר זיך נעמען צו די עבודה פון פראקטיצירן דעם פאך פון שתיקה ווייל דאס באדייט אז מיר פראקטיצירן דעם פאך פון יראת שמים! דו זיצט ביים שבת טיש און יעדער פלאפלט אוועק. זיי רעדן און רעדן און רעדן. איז וואס טוסטו? דו זאגסט צו זיך, 'איך גיי זיך יעצט טרענירן צו מיין פאך אויף די וועלט. איך גיי זיצן פאר צוויי מינוט - צוויי מינוט אויפ'ן זייגער - און אויסהערן און נישט עפענען מיין מויל.'

לאמיר זאגן דו ביסט געצוואונגען צו גיין ערגעץ; צומאל דארפסטו גיין באזוכן דיינע שוויגער עלטערן אין בארא פארק, דו קענסט יעצט נישט זאגן ניין. זיי עסן מלוה מלכה און יעדער פלאפלט. אדער אפשר זיצסטו ביי א חתונה און ארום דיר בלאבלען אלע צונגען. אין די צייט וואס זייערע מוחות ווערן צעשמעטערט אויף שטיקער דורך זייערע ליידיגע פלאפלען, קענסטו כאפן די געלעגנהייט פון זיך נעמען צו די עבודה אויף דיין פאך. דו לייגסט צו אויפמערקזאמקייט; דו פראבירסט אויסצוזען אינטערעסירט, שמייכלסט אין די ריכטיגע צייטן. אבער דו זאגסט צו זיך, 'חיים, האלט דיין מויל פארמאכט. ווילאנג דו קענסט האלט זיך שטיל, ווייל אלקים הערט אויס בשמים.'

# חלק ג. די בעסטע מעדיצין

## ווערדפולע געזונטהייט עצות

אלזא, צו נעמען אויף זיך די אויפגאבע פון שווייגן צוליב דעם ווייל אלקים בשמים, וואלט שוין געווען גענוג א סיבה. דאס איז אונזער עיקר תכלית אויף די וועלט - זיך אנצוגרייטן צו עולם הבא דורך זיך טרענירן צו ווערן מער און מער באוואוסטזיניג צום באשעפער. אבער דער אויפטו דערפון איז נאכמער ווי דאס; עס איז אויך שמחה און הצלחה אין עולם הזה!

עס איז דא א משנה אין אבות (א:יז) וואס זאגט אזוי: "**שמעון בנו אומר**, שמעון דער זון פון רבן גמליאל זאגט, **כל ימי גדלתי בין החכמים**, אלע טעג פון מיין לעבן בין איך אויפגעוואקסן צווישן קלוגע לייט, **ולא מצאתי לגוף טוב משתיקה**, און איך האב נישט געטראפן קיין בעסערע זאך פאר מיין קערפער ווי שווייגן." אלזא, אויב איינער אין גאס וואלט דיר פארגעשלאגן אן עצה צום געזונט, כ'ווייס נישט ווי ווערדפול עס וועט זיין; קען זיין ס'איז עפעס ווערד, אבער מ'ווייסט קיינמאל נישט אויף זיכער. אבער דא האט איר א מענטש וואס האט פארברענגט יארן לאנג זיצנדיג צופיסנס פון חכמים. "אלע מיינע טעג בין איך אויפגעוואקסן צווישן חכמים," און ער האט געהערט פיל וויכטיגע ענינים, פיל גוטע מידות, און ער האט דאס אלעס דורכגעלערנט. און נאך פיל יארן פון נאכפארשן איז ער געקומען צום אויספיר אז פון אלע זאכן וואס זענען גוט פאר א מענטש איז דאס בעסטע שתיקה, שווייגן.

אויב דער תנא שמעון בן גמליאל האט אונז אנטפלעקט דעם אוצר, לוינט אונז דורכצולערנען זיינע רייד. ער האט געזאגט, "איך האב נישט געטראפן עפעס בעסער פאר'ן קערפער ווי שווייגן." ער האט נישט געזאגט אז דאס איז די בעסטע פאר די נשמה; עס איז זיכער גוט אויך פאר די נשמה, אבער דער תנא זאגט אונז דא אז פאר אונזער פיזישע געזונט איז נישט דא עפעס אזוי גוט ווי צו האלטן דאס מויל פארמאכט. אויב זארגסטו פאר דיין געזונט, אויב ביסטו א מענטש וואס וויל לעבן א לאנגע געזונטע לעבן, דאן די ערשטע זאך פון וואס צו טראכטן, איז די היילונג פון שווייגן. "**סמא דכולה משתוקא** - די בעסטע מעדיצין פון אלעם איז שווייגן" (מגילה יח.).

## דער גורם צו מערסטנס קראנקהייטן

איר ווייסט, מערסטנס קראנקהייטן, מערסטנס איבערקערענישן וואס קומען פאר אין אונזערע

קערפּערס, ווערן פאַראורזאַכט דורך געפילן וואָס ערוועקן אַ נישט גוטע רעאַקציע אין אונזערע קערפּערס. ס'איז מערקווירדיג וואָספאַרא גרויסער איינפלוס געפילן האָבן אויף אַ מענטש'ס פיזישער צושטאַנד. אונזערע קערפּערס זענען פול מיט דריזן און האָרמאָנען וואָס סטימולירן די פונקציעס פון אונזער קערפּער, און אויב דער קערפּער ווערט צו שטאַרק סטימולירט דורך געפילן ווי אויפרעגונג, אַנגעצויגנקייט, נערוון, דאַן אַנשטאָט וואָס עס זאָל ברענגען נוצן, ווערן די האָרמאָנען שעדליך.

דאָס איז שוין פעסטגעשטעלט געוואָרן אין די מעדיצינישע וויסנשאַפטליכע וועלט. איבער דעם גאַנצן קערפּער זענען דאָ רעזולטאַטן וואָס קומען פון נישט גוטע סטימולאַציע פון די געפילן. און ווי אַזוי ווערן די געפילן אַממערסטנס סטימולירט? דורך רעדן! איינער זאָגט עפּעס און דו ענטפערסט צוריק, דו רעדסט און דו טענה'סט זיך, און דאָס איז ווען די פּראָבלעמען הייבן זיך אָן. די מעטאַבאַליזאַציע, די מאַטעריאַל אויסאַרבעטונג אין קערפּער, ווערט צערודערט און פיל מענטשן ווערן צוליב דעם נישט געזונט. אַ וועלט פון מחלות ווערן פאַראורזאַכט דורך רעדן. זייער פיל עפּיזאָדן פון יענע מחלה פּאַסירן צוליב רייבערייען אין געזעלשאַפטליכע פאַרבינדונגען.

## דיין מעכטיגע מויל

אַ בלינדער מענטש האָט מיר געזאָגט, "צי ווייסטו פאַרוואָס איך בין בלינד?" און ער האָט מיר דערציילט אַז ווייל ער איז געווען אַזוי צערודערט - דאָס זענען זיינע ווערטער - צוליב פּראָבלעמען אין די פאַמיליע - האָט ער דערפון באַקומען צוקער קראַנקהייט און דורכדעם איז ער געוואָרן בלינד. בלינדקייט קומט פיל מאָל פון אויפברויז, פון אַנגעהיצטקייט. ווען מען גייט צו אַן אויגן ספּעציאַליסט איז איינע פון די ערשטע שאלות וואָס דער דאָקטער וועט פרעגן, "ווערסטו אויפגערעגט אָדער אויפגעברויזט?"

דוד המלך האָט געזאָגט (תהלים ו:ח) "**עששה מכעס עיני** - מיינע אויגן זענען געוואָרן פאַרדאַרבן, פאַרטונקלט, פון כעס, **עתקה מכל צוררי**, עס איז געוואָרן אַלט צוליב די וועלכע האָבן מיר אויפגעברויזט." איז אויב ווען איר רעדט מיט מענטשן גייט איר אַריין אין וויכוחים, איז עס נישט גוט פאַר דיין זע-קראַפט. און אויב איז עס נישט גוט פאַר דיינע אויגן מיינט דאָס אַז ס'מאַכט אַן אַ חורבן אין דיין קערפּער; עס איז שלעכט פאַר אַלעס.

אויך האַרץ פּראָבלעמען! דו עפנסט דיין מויל ווען דו וואָלטסט עס געקענט האַלטן פאַרמאַכט און דאָס האַרץ ווערט צו אַנגעשטרענגט פון אַנגעצויגנקייט; די האַרץ רערן קענען עס נישט פאַרנעמען און ערגעץ וואו ברעכט עס אונטער, עס ווערט אָפּגעשוואַכט. בלויז פון רעדן צופיל זענען דאָ רייבערייען, ס'איז דאָ דרוק, נערוון אַנגעצויגנקייט, און דיין האַרץ ליידט דערפון. איך זאָג נישט אַז עס פּאַסירט פּלוצלינג, אָבער צוביסלעך, צוביסלעך טוט דאָס גרויסע מויל אָפּשוואַכן דאָס האַרץ און דערנאָך, איין טאָג ברעכט עס חלילה אונטער.

## וואו שטאַרבן מענטשן?

איך ווייס פון אַ מענטש וואָס איז געפאַלן טויט אינמיטן אַ טענה'ריי מיט זיין ווייב. ער איז געווען אַ פיינער מענטש, גראָדע, אַ גוטער מענטש. אָבער אויב וואָלט ער דורכגעלערנט די משנה אין פּרקי אבות, ער וואָלט געוואוסט, "ענטפער נישט צוריק!" וואָלט אים דאָס געראַטעוועט; ער וואָלט נאָך היינט געלעבט. ווער האָט דיר געהייסן צוריקענטפערן?! אויב קענסטו זיין אַ דיפּלאָמאַט און זאָגן עפּעס שיין, טו עס. אָבער אויב נישט, זאָג גאָרנישט. ער איז געווען אַ פרומער יונגער מענטש - ער האָט מן הסתם אפילו געוואוסט פון די משנה - אָבער ער האָט עס קיינמאָל נישט דורכגעלערנט, און אַזוי האָט ער זיך געפירט לויט זיין נאַטור און ער האָט צוריקגעענטפערט. ער האָט געזאָגט אַ שטיקל

און זי האט צוריקגעענטפערט און עס איז געגאנגען אהין און צוריק, אהין און צוריק, ביז ער איז געפאלן טויט.

דאס פאסירט נאכאמאל און נאכאמאל. אין די צייטונגען ווערן געמאלדן אזעלכע נייעס - א געוויסער מענטש, אזוי און אזוי, איז געשטארבן פון א הארץ פראבלעם. וואו האט פאסירט זיין הארץ אטאקע? צי איז ער געשטארבן אין זיין ביזנעס צוליב זיינע קאנקורענטן? ניין, מענטשן שטארבן נישט צוליב זייערע קאנקורענטן. צי איז ער געשטארבן אין גאס צוליב דעם וואס איינער האט אים פארשעמט? געוויינליך שטארבן נישט מענטשן ווייל איינער האט זיי פארשעמט. ער שטארבט אינדערהיים! מענטשן שטארבן צוליב זייערע ווייבער! אודאי וועלן עס די צייטונגען קיינמאל נישט זאגן. די מעלדונגען וואס ווערן פובליצירט אין די צייטונגען וועלן קיינמאל נישט זאגן, "מר. אנדערסאן איז געשטארבן זונטאג נאכט נאך א וויכוח מיט זיין ווייב!" ניין, ניין. עס וועט נישט שטיין אזוי געשריבן! עס שטייט, "מר. אנדערסאן איז געשטארבן רואיג אינמיטן שלאף אינדערהיים, דעם פארגאנגענעם זונטאג." אבער אויב ווייסט איר ווי אזוי צו ליינען טויט מעלדונגען, וועט איר שוין וויסן וואס עס מיינט.

## קאמוניקאציע פראבלעמען?

פארוואס איז ער נישט געשטארבן ביי זיין ביזנעס? פארוואס אינדערהיים? דער ענטפער איז אז אינדערהיים האט ער א ווייב, און מערסטנס מענטשן שטארבן אלס רעזולטאט פון ווערטער. איך זאג נישט ער איז גערעכט - ווער האט אים געהייסן רעאגירן?! ווער האט אים געהייסן אריינקלאפן זיין קאפ אין א שטיינערנע וואנט? זיך טענה'ן מיט א ווייב? איר ווייסט צו וואס דאס איז גליייך? ס'איז ווי אריינצושטעכן א נאדל אין איר, אן עכטע נאדל. און זי שטעכט אריין נאדלען אין אים. איז דאס אונטערהאלטונג? זייער גאנץ לעבן שטעכן זיי זיך אריין נאדלען איינער דעם צווייטן. ס'איז נאר אז זיין הארץ, זיין קערפערליכער געבוי איז געווען אביסל שוואכער ווי זיין ווייב'ס. דו קענסט נישט געווינען קיין וויכוח! דו מיינסט אז דו וועסט געווינען א וויכוח מיט דיין ווייב?! דו וועסט קיינמאל נישט געווינען! דער איינציגסטער עכטער וועג צו געווינען א וויכוח איז, עס צו פארמיידן. אלזא ווער נישט אויפגעקאכט איבער גארנישט. האלט זיך שטיל און דאס איז עס. בלויז האלט זיך שטיל! און ביידע פון אייך וועלן דורכדעם לעבן לענגער. און איר וועט אויך לעבן פריילעכער.

פרויען קלינגען מיר אן, זיי זאגן, "מיר האבן קאמוניקאציע פראבלעמען. מיין מאן 'קאמוניקירט' נישט מיט מיר." דער פראבלעם איז אז עס איז דא צופיל קאמוניקאציע! אויב זיי וואלטן נישט קאמוניקירט אזויפיל וואלטן זיי פיל בעסער געשטאנען; אין מערסטנס פעלער ווען מענטשן פארדינען דורך נישט רעדן.

## איגנאריר דעם ליידיגגייער

אין מסכת סנהדרין (ז.) שטייט: "טוביה דשמע ואדיש - גליקליך איז דער מענטש וואס הערט מענטשן זאגן זאכן וואס פארשעמען אים, וואס שטערן אים, און ער איגנארירט עס, **חלפוה בישתיה מאה** - א הונדערט שלעכטס וועלן אים פארבייגיין." חזר זיך איין די רייד; זאג עס צו זיך נאכאמאל און נאכאמאל. לערן זיך צו איגנארירן סיי וואספארא ווערטער וואס דו האסט נישט ליב; איינער האט דיר געזאגט עפעס שארף, איז שמע, דו האסט עס געהערט, אבער אדיש, עס באדערט דיר נישט. מאך זיך נישט צו טון; מאך זיך ווי דו האסט עס קיינמאל נישט געהערט, און דו וועסט זיך איינשפארן פיל פראבלעמען. אויב דיין מאן פירט זיך נישט שיין צו דיר, מאך זיך נישט צו טון. אויב דיין ווייב פירט זיך

נישט שיין צו דיר, מאך זיך נישט צו טון. און הונדערט שלעכטס וועלן דיר פארביי גיין. איר וועט לעבן אינאיינעם גליקליך דורכאויס אייער גאנץ לעבן.

מערסטנס מאל, איז דער רעזולטאט פון עפענען דאס מויל אנשטאט צו איגנארירן, א שטויס אין נאז. לאמיר זאגן דו גייסט אין גאס און א ליידיגגייער זאגט עפעס דיר צו פארשעמען. פארגעס דערפון! שפיר נישט ווי דו דארפסט אויפשטיין און באשיצן דיין כבוד. אה ניין! טו דאס נישט. איך קען א מענטש וואס האט דאס געטון און ער איז געווארן אויפגעגעסן. קוק אפילו נישט אויף אים; ס'איז א סכנה. ווי ווייט ס'איז שייך צו דיר האסטו עס נישט געהערט, דו האסט גארנישט געהערט. גיי ווייטער דיין וועג, און א מינוט שפעטער ביסטו שוין ארויס פון געפאר. און דאנק דעם באשעפער אז דו האסט געקענט גיין ווייטער. אויב איז עס א גוי וואס פארשעמט דיר, קענסטו אים געבן א 'ברכה' אז ער זאל פאלן טויט. לאז אים עס אבער נישט הערן! זאלסט אפילו נישט מורמלען; זאג עס נישט מיט דיין מויל. דאס מויל בלייבט אלעמאל פארמאכט!

## כינעזישע חכמה פאר'ן לעבן

איך בין אמאל געגאנגען אין גאס און צוויי יונגע שקצים זענען צוגעקומען צו מיר און פארשטעלט דעם וועג; זיי האבן מיר נישט געלאזט ווייטער גיין. איך האב נישט געקענט גיין, איך בין געבליבן שטעקן. בין איך אראפ פונעם טראטואר און ווייטער געגאנגען אויפ'ן שטראז. איך האב גארנישט געזאגט, כ'האב אפילו נישט צוריקגעקוקט הינטער מיין רוקן. לאמיר זאגן איך וואלט צוריקגעקוקט און געזאגט, "וואס מיינט איר אז איר טוט? וואספארא רעכט האט איר דאס צו טון?" אהה, וואס עס וואלט געשען צו מיר! זייט נישט קיין חכם, קיין העלד. איך זאג אלץ נאך די כינעזישער ווערטל וואס זאגט, "דער גרעסטער העלד איז דער וואס לויפט אוועק." אויב איגנארירסטו און דו לויפסט אוועק דאן ביסטו א העלד. און דער וואס עפנט זיין מויל איז נישט קיין העלד, ער איז א פארלירער.

איך דערצייל אלעמאל די מעשה, א טראגישע מעשה: א יונגע מענטש פון YU איז חמשה עשר בשבט ארויסגעגאנגען צו מעדיסאן סקווער גארטן פארברענגען. ער איז געגאנגען מיט א גרופע בחורים מיט קאפלעך אויפ'ן קאפ, וואס ער האט זיי געפירט. צוויי צוואנציג יעריגע שקצים האבן גענומען חוזק מאכן פון די בחורים'ס קאפלעך, און דער פירער, ער האט נישט אויסגעפאלגט די הדרכה פון חז"ל. כאטש א כינעזער (להבדיל) וואלט ער געדארפט צוהערן!

אנשטאט דעם האט ער געקוקט אויף די שקצים מיט אויפרעגונג און ער האט עפעס געזאגט. למעשה, א גוי בלייבט א גוי, זענען די שקצים געגאנגען צו זייער קאר, זיי האבן ארויסגענומען א האמער פון באגאזש און אים אטאקירט. זיי האבן אים געגעבן א קלאפ אין קאפ מיט'ן האמער און אים גע'הרג'ט. ער איז געשטארבן דארט אויפ'ן גאס, נעבעך. דערפאר שטייט, "ס'איז נישטא עפעס בעסער פאר'ן קערפער ווי זיך צו האלטן שטיל."

## ווי אזוי צו האנדלען מיט העסליכע באמערקונגען

לאמיר זאגן איינער רופט דיר אן אויפ'ן טעלעפאן און פארשעמט דיר. עס האט שוין פאסירט צו מיר מערערע מאל. מענטשן האבן מיר אנגעקלונגען אהיים און מיר געשאלטן. איר ווייסט וואס איך האב געטון? איך האב נישט געזאגט א ווארט! און זיי האבן אראפגעלייגט. עס האט פאסירט נאכאמאל אפאר חדשים צוריק און איך האב געוואוסט ווער עס איז; איך האב געוואוסט. און נאכדעם איז ער איין אוונט אריינגעקומען אין מיין שול צו דאווענען און איך האב נישט געזאגט א ווארט. און עס האט זיך געענדיגט. אבער איינמאל דו הייבסט אן מיט די סארט מענטשן, ווער ווייסט וואס עס

וועט זיין? א ווארט פאר א ווארט און עס ווערט פארוואנדלט אין ווער ווייסט וואס! ס'איז נישט מעגליך צו וויסן ווי אזוי עס וועט זיך ענדיגן! איז שמייכל און טראג עס אריבער.

וויפיל מענטשן האבן פארלוירן זייער ארבעטס פאסטן דורך צוריקענטפערן זייער באלעבאס?! אמאל איז זייער באלעבאס אין א שלעכטע גוסטע, איז שלינג אראפ וואס ער האט געזאגט און עס קען זיין אז א שעה שפעטער וועט ער זיין א גוטער באלעבאס. ער קען דיר אפשר אפילו דערהייבן צו א העכערן ראנג. איך האב אמאל געהאט אזוי. זייענדיג אויף מיין ערשטע פאזיציע אין רבנות, איז א מענטש אמאל אריינגעקומען צו א זיצונג צווישן די באורד פון דירעקטארן און געמאכט א הויכן אויסרוף. ער האט געזאגט, "הרב מיללער, איך האב אייך געגריסט א וואך צוריק און איר האט מיר נישט געענטפערט! איר האט מיר נישט צוריקגעגריסט 'גוט שבת'." ער האט עס אויפגעברענגט צו די באורד פון דירעקטארן ביי א זיצונג; ער האט זיך אפגערעדט קעגן דעם נייעם רב. איז דער פרעזידענט פון שול צוגעקומען און מיר איבערגעפרעגט דערוועגן. למעשה, עס איז נישט געווען אמת, אבער איך האב גארנישט געזאגט. איך וואלט געקענט עפענען מיין מויל, אבער איך האב געדענקט דעם מאמר חז"ל און איך האב געהאלטן מיין מויל פארמאכט.

## הרב מיללער באקומט א העכערונג!

איך האב געטראפן דעם מענטש נאכאמאל און נאכאמאל, ער איז געווען א מיטגליד אין שול, און איך האב אלעמאל גערעדט פריינטליך צו אים. איין טאג האט ער זיך אויפגעשטעלט ביי א זיצונג מיט די באורד פון דירעקטארן און פארגעשלאגן מ'זאל מיר געבן א העכערונג אין געהאלט. דער מענטש! קיינעם איז נישט איינגעפאלן מיר צו געבן א העכערונג אויסער פאר דער איינער מענטש! ווען איך וואלט אים דאן צוריקגעענטפערט וואלט דאס קיינמאל נישט פאסירט. און אזוי האב איך געלערנט א מוסר השכל אז עס "צאלט זיך אויס" צו האלטן דאס מויל פארמאכט.

איך זע דאס נאכאנאנד! איך האב שוין צוגעזען מענטשן וואס לייגן זיך אריין אין א סכנה דורך עפענען זייער מויל. איך האב צוגעזען גוטע מענטשן, וואס בלויז דערפאר וואס זיי האבן צוריקגעענטפערט האבן זיי פארלוירן זייער ארבעט, זיי האבן פארלוירן קונדן. זיי האבן פארלוירן זייערע ווייבער אדער זייערע מענער, געשוויסטער און פריינט. און פריער אדער שפעטער פארלירן זיי זיך אליין; זיי ערוועקן נישט גוטע רעאקציעס אין זייערע קערפערס און זיי ווערן קראנק. פיל מענטשן פארלירן יארן פון זייער לעבן דורך זייער מויל.

## דער שליסל צו א גוט לעבן

דאס איז וואס דוד המלך זאגט אונז (תהלים לד:יג-יד): "**מי האיש החפץ חיים** - ווער איז דער מענטש וואס וויל לעבן?" מיר מיינען אז ער רעדט פון נצחיות'דיגע לעבן, און דאס איז אמת; אבער ס'איז נישט דער גאנצער אמת. ס'איז דא עפעס מער דערצו: ווער וויל לעבן אויף די וועלט? "**אוהב ימים** - איר זענט אן אוהב ימים?" איר האט ליב טעג, נישט אזוי? איר ווילט מער און מער דערפון. "**לראות טוב** - איר ווילט זען גוטס אין די טעג?" איר ווילט זיך זען דורכקומען מיט אנדערע? איר ווילט האבן א גוטער שלום בית? איר ווילט האבן א גוטע געזונט? דאס אלעס ווערט אריינגערעכנט אין 'לראות טוב'. "אה," זאגט איר, "דאס מיינט מיר! איך וויל לעבן לאנג! איך וויל זען גוטע צייטן!"

אבער צי זענט איר באמת אינטערעסירט צו פראבירן לעבן לאנג? איר וועט עס זאגן, איר וועט עס איבער'חזר'ן, איר וועט עס אפילו זינגען, אבער איר טראכט דערוועגן? איר דארפט מאכן שריט צו לעבן לאנג, און איינע פון די וויכטיגסטע שריט איז צו האלטן דאס מויל פארמאכט. "**נצור לשונך מרע**

- היט דיין צונג פון שלעכטס." וואס מיינט 'שלעכטס'? נישט נאר אז דו זאלסט נישט זאגן דערנידערנדע זאכן איבער מענטשן אדער זיך קריגן מיט זיי. די ריכטיגע לשון הרע איז צו עפענען דאס מויל און זאגן נארישע זאכן, פלאפלען און זאגן נישטיגקייטן. דער געווענליכער כלל איז, צו האלטן דיין צונג אינעווייניג פון מויל און האלטן דאס מויל פארמאכט; דאס איז דער כלל וואס דו דארפסט נאכגיין. אויב מיר לעבן לויט דעם, וועט אונזער פיזישע גליק אויף די וועלט זיך פארמערן און מיר וועלן קונה זיין א לעבן פון לראות טוב, פון זען גוטע צייטן.

## א מאמענט פון שווייגעניש

אצינד גייען מיר צוריק צו דעם געוואלדיגן ענין, אז דער תפקיד פון א מענטש אויף די וועלט איז צו לערנען די פעאיגקייט פון זיין שטיל, דער פאך פון זיין ווי אן אלם. און פאר מיר ענדיגן דערמיט וועלן מיר אריינקוקן אין די ווערטער פון דעם גרויסן מענטש, דער ווילנער גאון (אגרת הגר"א); די ווערטער זענען ווערד אז מיר זאלן עס געדענקען. "**שעל כל רגע ורגע** - פאר יעדער מאמענט, פאר יעדע מינוט, **שאדם חוסם פיו** - וואס א מענטש פארמאכט זיין מויל, **זוכה לאור הגנוז** - וועט ער זוכה זיין צו די באהאלטענע ליכטיגקייט, **שאין כל מלאך יכול לשער** - וואס קיין באשעפעניש, קיין מלאך, קען נישט מעסטן איר גרויסקייט."

די פראכט פון די שכר איז אזוי גרויס פאר איין מינוט פון שווייגן! מיר רעדן נישט דא פון א לעבנסלענגליכע שווייגעניש; ער זאגט דארט אז פאר יעדער מאמענט וואס דו האלטסט דיין מויל פארמאכט, וועסטו באלוינט ווערן מיט פראכט, א ליכטיגקייט וואס איז אזוי גרויס אז אפילו א מלאך קען נישט מעסטן איר גרויסקייט. איך ווייס אז דאס איז זייער אן עקסטרעמער אויסדריק אבער דער ווילנער גאון איז זייער אן אחריות'דיגער פערזענליכקייט. דאס הייסט, אז עס איז נישט בלויז אן ענין פון יראת שמים, און נישט נאר וואס עס איז די בעסטע עצה פאר גוטע געזונט און לאנג לעבן, נאר עס איז אויך אן אויפגאבע וואס וועט דיר באלוינען מער ווי דיינע גרעסטע חלומות.

## לערנען די לעקציע

אלזא, דארפן מיר זיך נעמען צו די עבודה. ווי אזוי קענט איר ליינען פונעם מצורע יעדעס יאר און ווייטער איגנארירן דעם מוסר השכל אין דיין אייגן לעבן? כאטש וואס היינט זענען מיר נישט זוכה צו זען די וואונדערליכע האנט פון באשעפער וואס ברענגט די צרעת אויף א מענטש, אבער די לערע בלייבט פונקט אזוי שייך היינט ווי עס איז געווען דאן. ווען דער באשעפער האט אפגעטיילט דעם מענטש, דער ערליכער איד, פון זיין פאמיליע און פריינט, איז ערווארטעט געווארן פון אים זיך צו לערנען דעם לימוד פון "אלקים איז בשמים און הערט דיר צו... דערפאר זאלן דיינע רייד זיין ווייניג." און מיר, גארנישט ווייניגער ווי אים, זענען אויך ערווארטעט צו לערנען דעם ענין.

אצינד דארפן מיר זיך פארטיפן אין די פסוקים און עס צושטעלן צו אונזער אייגן לעבן. דער מענטש האט געדארפט צודעקן זיין מויל; וואס איז מיט מיר? בין איך שוין אן אדם? פראדוציר איך גענוג שווייגעניש? בין איך מצליח אין מיין תפקיד פון זיך מאכן כאלם? אלזא, ווען מיר לערנען די פרשה קענען מיר עס נישט לאזן סתם פארבייגיין. ווי אפט דו קענסט דורכ'ן טאג, א מינוט דא און א מינוט דארט, דערמאנסטו זיך אז עס איז דיין אויפגאבע זיך צו האלטן ווי שטיל דו קענסט. נישט קיין גענצליכע שווייגעניש - צדק תדברון! אבער וואס איז שייך מיט אלעס אנדערש, וועלן מיר פראבירן צו זיין ווי פארזיכטיג עס איז מעגליך און געדענקען אז לך דומיה תהילה, צו דיר באשעפער איז שווייגעניש א לויב, און דערביי וועלן מיר קונה זיין דעם געוואלדיגן שכר פון באשעפער, א שכר וואס איז אומבאוואוסט אפילו צו די מלאכים.

# שאלות ותשובות

## מיט הגאון ר' אביגדור מיללער זצ"ל

**שאל אביך ויגדך זקניך ויאמרו לך**

### שאלה:

**די חז"ל זאגן אונז אז "בניסן נגאלו ובניסן עתידין להגאל - אין חודש ניסן זענען מיר אויסגעלייזט געווארן פון מצרים, און אין חודש ניסן וועלן מיר אויסגעלייזט ווערן פון יעצטיגן גלות"** (ראש השנה יא.)**. וואס איז דער פשט פון דעם מאמר חז"ל?**

### תשובה:

**תשובה:** וואס ווילסטו וויסן?

**שאלה:** נאר אין ניסן? אין אנדערע חדשים קען נישט משיח קומען?!

**תשובה:** וואס איז שלעכט מיט ניסן? הלואי זאל עס זיין אין יעצטיגן ניסן. אויב האסטו א קשיא וועל איך אויסהערן דיין קשיא, אבער יעצט הער איך נישט די קשיא.

**שאלה:** וואס, עס קען נישט פאסירן אין אדר?

**תשובה:** אזוי זעט עס אויס. לויט דעם מאמר וועט עס זיין אין ניסן.

**שאלה:** איז וואס איז מיט "אחכה לו בכל יום שיבוא - מיר ווארטן פאר אים צו קומען יעדן טאג." צי זענען די ווערטער וואס מיר זאגן שטענדיג א סתירה צו די גמרא?

**תשובה:** אה! אצינד, דאס איז א קשיא! ענדליך האסטו אנגערירט צום פינטל! און דער ענטפער איז אזוי: אויב פראבירן מיר געווג שטארק, קען ער קומען יעדן טאג. אבער אויב פראבירן מיר נישט געווג שטארק, דאן וועט ער סייווי קומען. פריער אדער שפעטער, וועט ער סייווי קומען. און ווען ער קומט אליין, דאן וועט ער קומען אין ניסן.


- להחזיר עטרה ליושנה -

מען דארף זייער נזהר זיין צו האלטן בכבוד'יג די עלטערען און ח"ו נישט מצער זיין

הלכות ושאלות ענינים

**כיבוד אב ואם האטליין: 845-777-8822**

צו מנדב זיין און צו שטיצן דעם גאר וויכטיגן פראיעקט רופט דעם אוטאמאטישע נדבות סיסטעם 646-860-9985